וועכנטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש
קרית ברסלב ליבערטי
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת שמיני, כ"ח ניסן תשפ"א לפ"ק
שנה ב' גליון ע"ב

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.................7:15
מוצאי שבת.....................8:46

## א מעשה פון תפלה

### מנחם שטיינבערג

אויף דעם גאס ווי איך וואוין איז די וועג אריין צו די פרישע הייזער געמאכט מיט שטיינער וואס דארף ווערן איבערגעלייגט נאך יעדע שטיק צייט, בפרט יעצט ווען מען בויעט דארט הייזער און עס קומען אריין גאר שווערע טראקס וואס ברענגען מאטריאל פאר די הייזער, וואס דאס איז גורם אז די ראוד זאלן ווערן פיל מיט גרויסע לעכער, יעדן טאג וואס גייט דורך ווערט עס נאר ערגער און ערגער, אזוי ווייט אז די חדר באס האט שוין מער נישט געהאט די מעגליכקייט אריין צופארן, איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן די ראוד זאל ווערן איבערגעמאכט ווי אמשנעלסטן, איך האב אנגעקלינגן די שטאט באאמטע די וואס זענען געשטעלט אויף די זאכן, איך האב זיי געבעטן זיי זאלן קומען איבערמאכן דעם ראוד כדי ס'זאל זיין מעגליך דארט צו פארן, זאגן זיי מיר מיט אזא קאלטקייט: ווער האט דיר געהייסן דארט בויען דיין הויז ביי א גאס וואס די ראוד ווערט גערופן ביי אונז א טויטע ראוד - מיר ווילן עס נישט איבערמאכן יעצט. וואס טוט מען דא? באשעפער העלף מיר ארויס אין דעם מצב, איך האב נישט צו וועם זיך צו ווענדן נאר צו דיר, באשעפער העלף מיר ארויס.

צו דו ווילסט עס גלייבן אדער נישט, איין שיינעם טאג איך שטיי אויף, און איך זעה ווי אפאר טראקס פון די שטאט קומען אן, און זיי נעמן זיך צו די עבודה איבערצומאכן דעם ראוד און פאררעכטן אלע לעכער! איך האב נישט קיין אהנונג וואס האט זיי געמאכט טוישן זייער מיינונג, איך קען עס נאר אנהענגען אין די תפלות וואס איך האב געמאכט, שכח אייבערשטער פארן אויסהערן מיינע תפלות.

### שטעטל איינוואוינער

צווייטן טאג יום טוב פסח איז געווען גאר שווערע ווינטן א גאנצע נאכט וואס האט זיך געצויגן ביז אינמיטן טאג, אכט אזייגער אינדערפרי האט זיך די לעקטער אפגעהאקט פון די שווערע ווינטן וואס האבן געבלאזן, וואס דאס האט געברענגט אז די הייצונג און די וואסער האט זיך אויך אפגעהאקט, אלע איינוואוינער האבן אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן די לעקטער זאל זיך צוריק אנצינדן, שכח אייבערשטער אז די לעקטער האט זיך שנעל צוריק אנגעצינדן, נאך פאר מען האט אנגעהויבן דאווענען שחרית האט שוין די לעקטער געארבעט, שכח אייבערשטער!

ווער עס וויל האבן א חלק אין מנדב זיין א דזשענערעיטער פארן בית המדרש, וואס דאס וויכטיגקייט פון דעם פארשטייט יעדער איינער, זאל זיך מעלדן צום גבאי האברך שלמה יאקאבאוויטש הי"ו 845-637-5367

אין נאמען פון אלע חשובע איינוואוינער טוען מיר זיך באדאנקן פאר די

„רענט קאמפיין"
אנגעפירט ביי
האברך החשוב שבתי מארקוס הי"ו
האברך החשוב אשר בער אינדארסקי הי"ו

וואס האבן צוגעשטעלט דעם שבת גוי אין שטעטל במשך דעם גאנצן יום טוב פסח, דער אייבערשטער זאל זיי באצאלן מיט אלעס גוטס.

## נייעס אין שטעטל

### יום טוב פסח אין שטעטל

גאר א שיינעם יום טוב איז געווען אין שטעטל, מען האט געהאט די זכיה אז דער ראש ישיבה שליט"א איז געווען מיט אונז דעם גאנצן יום טוב, און אונז מחיה געווען מיט שיעורים אין גמרא, שיעורים אין התחזקות אויפן לעבן, ווי אויך האט מען זיך מחיה געווען מיט די שיינע ווארימע דאווענען'ס וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געדאווענט פארן עמוד אזוי הארציג.

די ערשטע טעג יום טוב האט דער ראש ישיבה שליט"א געדאווענט אין האשקי שול, שבת פארן דאווענען האט מען פארגעלערנט ספר פעולת הצדיק, נאכמיטאג האט מען געזינגען זמירות צוזאמען און דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א ארויסגעברענגט די זכיה וואס מען גייט האבן ביינאכט ווען מען גייט זיך זעצן צום סדר, אזוי אויך דארף א איד צו וויסן אז פון יעדע צרה קומט ארויסביים סוף א גוטע זאך; מען האט ארויס געווארפן מיינע קינדער פון די פריערדיגע מוסד וואו זיי האבן געלערנט, עס האט אויסגעזעהן דעמאלטס אז ס'איז א גרויסע צרה, למעשה איז ארויס געקומען פון דעם א גרויסע טובה – אז מען האט געעפענט א אייגענעם תלמוד תורה.

שחרית ביידע טעג איז אריבער גאר דערהויבן און ווארעם, יום טוב נאכמיטאג האט דער ראש ישיבה שליט"א ארום גערעדט פון דעם וואס מוהרא"ש פלעגט אלץ חזר'ן מיט אונז, אז מען דארף זיך פרייען מיט די מצוה פון נישט עסן קיין חמץ, און אז מען עסט נאר מצה, וואס דאס היט אפ דעם מענטש א גאנץ יאר פון עבירות.

חול המועד אינדערפרי איז פארגעקומען שיינע שיעורים אין גמרא, אריינגעפלאכטן מיט מוסר און התחזקות, ביינאכט האט מען געהערט שיעורים אין התחזקות, (מען קען עס הערן אויף קול ברסלב).

שביעי של פסח ביינאכט איז מען זיך צאמגעקומען אין דענמאן שול, דער ראש ישיבה שליט"א האט ארום גערעדט אז מען דארף שטענדיג דאנקען דעם אייבערשטן, וואס דאס וועט העלפן אז דער אייבערשטער זאל אונז געבן אלעס גוטס.

מיטל נאכט האט דער ראש ישיבה שליט"א געדאווענט ביי די דענמאן שול, צווישן מנחה מעריב האט מען געהערט גאר א שיינע שיעור איבער דעם וואס דער אייבערשטער שיקט אמאל א צרה אויף א מענטש כדי צו אויפוועקן דעם מענטש ער זאל צוריק קומען צו אים.

דער יום טוב האט זיך געענדיגט מיט נעילת החג – סעודת משיח, דער ראש ישיבה שליט"א האט פארציילט די מעשה פון דעם נסיעה פון בעל שם טוב צו ארץ ישראל, ער איז געווען אין א גרויסע סכנה אויפן וועג, און ער איז געווארן געראטעוועט דורך די הייליגע אלף בית, זאגט מוהרא"ש דאס גייט ארויף אז א מענטש וויל רעדן צום אייבערשטן אבער ער ווייסט נישט וואס צו רעדן, זאל ער דורך גיין די אלף בית, אלף איז אמונה, בית איז בטחון, גימל איז געלט, און אזוי ווייטער.

דער הייליגער יום טוב פסח מיטן ראש ישיבה שליט"א וועט זיכער בלייבן ביי יעדן איינגעקריצט אין די ביינער, און די אלע שיעורים און התחזקות אויף אמונה – אזוי אויך התחזקות אויף לימוד התורה יעדן טאג, וועט זיכער אונז באגלייטן אויפן טאג טעגליכע לעבן פאר א לאנגע צייט.

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ"ח נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַסְדֵי הַשֵּׁם אַז הַיינְט פַּארְטָאגְס בִּין אִיךְ צוּרִיקְגֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; אִיךְ בִּין גֶעפָארְן מִיט אַפָּאר בָּחוּרִים תַּלְמִידֵי יְשִׁיבָה צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים מִתְפַּלֵּל זַיין, אוּן **אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; אַ אִיד הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף זַיין שְׁווֶערֶע לֶעבְּן, עֶר הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תנב): **"גָאט אִיז תָּמִיד גוּט"**, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה, ט): **"טוֹב ה' לַכֹּל וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו"**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אַלֶעמֶען.

טֵייעֶרֶער חַבֵר, זוּךְ אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג פוּן טְרַאכְטְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען צוּ קוּקְן אוֹיף דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצה): **"דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס אוֹיף וָואס עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִין דִי שְׁלֶעכְטְס עֶפֶּעס גוּטְס, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין תְּהִלִּים וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים ד, ב): **'בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי'**, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף דֶעם וָואס אִין דִי צָרָה הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט".

דֶעם שַׁבָּת פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ מַאכְן **אַ שְׁלִיסְל אוֹיף דִי חַלָּה** כְּדֵי צוּ גֶעדֶענְקֶען וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ב.) **אַז דִי מַפְתֵּחַ פוּן פַּרְנָסָה אִיז אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**; מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן אוּן זִיךְ שְׁפִּירְן שׁוּלְדִיג וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, וַוייל פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בַּיים שַׁבָּת טִישׁ זָאלְסְטוּ דָאס מַסְבִּיר זַיין פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז גֶעלְט לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שַׁבָּת זֶענֶען מִיר מְסַיֵּם יְרוּשַׁלְמִי מַסֶּכֶת תְּרוּמָה; ווָאוּיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן כַאפְּט אַרַיין יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט בַּבְלִי, אַ בְּלַאט יְרוּשַׁלְמִי אוּן אַ פֶּרֶק תּוֹסֶפְתָּא, דוּרְכְדֶעם בּוֹיט עֶר זִיךְ אַ **בַּיִ"ת' נִצְחִי** לְנֵצַח נְצָחִים.

~~~~~~~~~~~

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב', אִסְרוּ חַג, כ"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶיךָ אַז דוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְסְט דִי נֵייעֶ סְפָרִים **"עֲצָתוֹ אֱמוּנָה"** פַאר בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט. עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ טָאג וָואס בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט זָאלְן מִיר נִישְׁט זָאגְן אַז דָאס הָאט זֵיי גֶעטוֹישְׁט זֵייעֶר לֶעבְּן צוּם גוּטְן.

עֶרֶב יוֹם טוֹב הָאט מִיר אַ פְרוֹי פוּן מָאנְסִי גֶעשְׁרִיבְּן אַז זִי הָאט בַּאקוּמֶען אַן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה (פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ע"ט) אוּן דָאס הָאט אִיר גֶעטוֹישְׁט אִיר לֶעבְּן. זִי קְרִיגְט זִיךְ מִיט אִיר מַאן שׁוֹין פַאר אִיבֶּער פֶערְצִיג יָאר אוּן דִי קוּנְטְרֵס הָאט אִיר גֶעגֶעבְּן שֵׂכֶל צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת; אַזוֹי אוֹיךְ אַז פוּפְצִיג יָאר לַיידְט זִי פוּן פְּחָדִים אוּן דִמְיוֹנוֹת אוּן אִין דֶעם קוּנְטְרֵס אִיז דָא אַ תְּפִלָּה פַאר אַ פְרוֹי נִיצוֹל צוּ וֶוערְן פוּן פְּחָדִים, זִי זָאגְט דָאס יֶעדְן טָאג אוּן עֶס וֶוערְט אִיר בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער. אוֹיךְ הָאט זִי זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְטְרָאגְן מִיט אִירֶע קִינְדֶער וְכוּ', וְכוּ'.

לוֹיט וִוי אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פָאר הָאט זִי דָאס בַּאקוּמֶען פוּן דִיר, וַוייל דוּ בִּיסְט דֶער מֵפִיץ אִין מָאנְסִי-מָאנְרָא; דוּ וֵוייסְט גָארְנִישְׁט וָואס אַ קוּנְטְרֵס טוּט מִיט אַ מֶענְטְשׁ. דִי מְפִיצִים וֵוייסְן נִישְׁט וָואס זֵיי טוּעֶן אַלֶץ אוֹיף, בֶּעט אִיךְ דִיר טֵייעֶרֶער מֵפִיץ, הֵייבּ אָן פוּן פְרִישׁ מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט **מֵפִיץ זַיין** דִי נֵייעֶ סְפָרִים **"עֲצָתוֹ אֱמוּנָה"** אוּן דִי בְּרִיוְון פוּן **"אִישׁ אֱמוּנוֹת"**, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין נֵייעֶ זַאכְן, דָאס אִיז אַלֶעס גֶענוּמֶען פוּנֶעם סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא **"אֲשֶׁר בַּנַּחַל"**, עֶס אִיז נָאר אַנְדֶערְשׁ גֶעפַּאקְט, אוֹיף אַ נֵייעֶ שְׁפְּרַאךְ פַאר דִי הַיינְטִיגֶע דוֹר, אוֹיף אַ וֶועג אַז בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ זָאלְן דָאס פַארְשְׁטֵיין.

טֵייעֶרֶער חַבֵר, לִיבֶּער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; וַוארְף אַוֶועק אַלֶע עַצְבוּת וּמְרִירוּת אוּן לָאז זִיךְ פִירְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. **גֵיי אַרוּם שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ שְׁמֵייכְל.**

וֶוען דוּ גֵייסְט אַרוֹיף צוּם צִיּוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִסַּאטְמֶאר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אָדֶער צוּם צִיּוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְרִיבְּנִיץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאלְסְטוּ מִיר מַזְכִּיר זַיין: יוֹאֵל בֶּן רֵיזָא רֶעכִיל, אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין מִיטְ'ן מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן, מְשַׁמֵּשׁ זַיין מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן קֶענֶען וַוייטֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פַאר דִי וֶועלְט.

~~~~~~~~~~~


## דער הייליגער רבי זאגט: דורך גיין צו קברי צדיקים געט דער אייבערשטער

וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?

א) טובות, אפילו מען איז נישט ראוי

ב) א געפיל צו מצוות

ג) א קלארע קאפ

ד) פרנסה בריווח

חידות אפטיילונג



דער געוואונער פון פאריגע וואך איז ליבי אינדיג תחי' תלמידה בית פיגא קרית ברסלב ליבערטי

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

ענטפערס פון פאריגע וואך

פסח איז אריין


ביים מאכן די ברכה אויפן עירוב ערב פסח תשפ"א



שריפת חמץ אין קינדערגארטן ערב פסח תשפ"א



בית התבשיל ערב פסח תשפ"א

